Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

טז.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## טז.

חיימאוויטשעס סאלאָן איז נישט ליידיק. די לופט איז פול מיט פאפיראסן־רויך. מ׳רעדט און מ׳דיסקוטירט אויפן קול — און דער קריטעריום איז א קלאָרער און א פעסטגעשטעלטער. נארמאן, כאָטש זי פילט זיך גוט אומעטום, איז ד אָ, לויט איר מיינונג, די נשמה פון דער געזעלשאפט, דער שווארצאפעל פון די פארזאמלטע, די העלדן פון דער „זאך״. יודלינס דרשה פארלירט די רעפלעקסיע־פארנעפלקייטן, אין וועלכע ער הילט זיך צייטנווייז איין, און זי נעמט אָן עפעס א הייליקע צזות. ער חזר׳ט אָפט איבער: „אויב ס׳איז דערלויבט אזוי זיך אויסצודריקן״ — און זיינע פראַזעס זענען שטארק חוצפהדיקע. ווען ער רעדט מיט דאווידאָווסקין, געפינט ער פאר נויטיק צו פיליזאָפירן וועגן דער גרויסער באדערפעניש צו וואנדערן, נישט צו זיצן אויף איין אָרט, אדער צו רעדן וועגן דער באדייטונג פון „ליבע״, וועלכע איז ווי א פרובשטיין פאר יעדן מאן, ברענגענדיק אים קראפט און מוט און דעסגלייכן. און עס טרעפט אויך, אז ער זוכט אליין שטארק מיטגעריסן מיט זיינע אייגענע רייד און זיינע אויספירן באקומען דאן די פאָרם פון „א מענטש דארף״: א מענטש דארף שטרעבן צו דער אנטפלעקונג פון אלע כוחות, וואס זענען אין אים באהאלטן, ס׳הייסט, צו דער פארקערפערונג פון אלע עלעמענטן, וואס אין אים; א מענטש דארף אנטלויפן פון דער איינזאמקייט, דאס הייסט, ער דארף זיך באהעפטן מיט עפעס א לעבעדיק וועזן א. א. וו. א. א. וו. אָבער, ווען ער רעדט מיט חיימאָוויטשן, האָט ער ליבער ארויסצוזאגן זיינע מיינונגען וועגן דעם „עקאָנאָמישן פאקטאר״, וועגן „פאָליטיש־עקאָנאָמישן פראצעס״, וועגן דער „קומענדיקער קאטאסטראָפע״, וועגן די אויסזיכטן פונ׳ם

„פערטן שטאנד״ און נאך. אויך קליינשטיין לאָזט אָפּ זיינע „שטעכיקע חכמות״, שטעלט אָן אן ערנסט פנים און רעדט וועגן דער פרייהייט פון מיינונגען אדער ער פירט א הייליקן קאמף און לאכט אָפּ פונ׳ם ציוניזם און פון זיינע אנהענגער, אזאך, וואס שטעלט אלעמען צופרידן, און ווען ער שיקט די פיילן פון שפּאָט אין דער „באוועגונג זיך צו פארבינדן מיט׳ן טערק״ דינט אים אלס צילברעט עפּעס א בוכהאלטער אדער א האנדלס-אנגעשטעלטער, אייגער פון די פארזאמעלטע, וועגן וועלכן מ׳רעדט, אז ער איז נוטה אי אהער אי א הין. יענער, ווער ס׳איז פארדעכטיק אין דער זינד פון ציוניזם, פארענטפערט זיך און פארטיידיקט זיך, נאטירלעך, און ווייזט אויף, אז ער איז ריין פון זינד, אָבער קיינער הערט אים נישט. די געזעלשאפט מוז דאך תמיד האבן עפּעס א שעיר לעזאזל, כדי אָנ-צופאלן אויף אים און אויסצוגיסן אויף אים דעם גאנצן עמער מיט אומריינקייט, וואס געפינט זיך אין איר. אויב נישט — וואָזשע וואָלט אהינגעקומען דער נארמאנס געלעכטער ? און איר מויל וויים דאָך רק צו פאָדערן עמאנציפאציע און צו לאכן.

דאס איז א נישט-יונג מיידל, וועלכע איז שטענדיק אנ-געטאָן אין א רויטע בלוזקע, און איז גאר נישט קיין מיאוסע, נאָר מיט אירע באוועגונגען, מיט איר משונהדיקן ווארפן זיך אויף איר זיצארט, מיט איר געלעכטער, מיט אירע אייגן-וויב-קענישן, מיט׳ן שוואַרצן אירע געשוירענע האר, מיט׳ן ארויס-רוקן איר ברוסט, — מיט די אלע זאכן ווייזט זי, אז איר זיכערקייט און איר שיינקייט איז א גרעסערע, ווי ס׳דאַרף צו זיין, און אז אָן די קליינע, ווייסע פרישטשיקלעך וואס זי האָט אויפ׳ן פנים, האט זי אינגאנצן פארגעסן. צו דער לערנער און אירס גלייכן באציט זי זיך ווי צו קאָנקורענטנס, שוואכערע פון איר. זי פירט זיך שטענדיק ווי „די קעניגן פון אָווגט״, זי באשטעטיקט אלץ, וואס געפעלט איר. מיט בראוואָ-אויסרופן און דעסגלייכן, און צייטנווייז יווארפט זי בלויז א בליק אויפ׳ן רעדנער, א מיטגעפיל-בליק, א בליק פון הסכמה, פון דאנק אין

צופרידנקייט, אָדער א שלאָפגדיקן בליק, א בליק פון פאראכטונג און ביטול...

— אונזער ציוניסט מיינט אוודאי, — חוזק׳ט קליינשטיין, — אז הערצל איז אן אָנגעזעצנע פיגור אין דער וועלט פון דער איירָאָפּעאישער דיפּלאָמאטיע, וויבאלד ער האָט זוכה געווען זיך צו זען מיט׳ן טערקישן סולטאַן. אָבער לויט אונזער מיינונג, מיין ליבער, איז ער נישט מער ווי א ושור נאליסט. און מאקס נאָרדוי...

— און בכלל — רייסט אים איבער די נארמאַן מיט א הויכן צוויטשער — בכלל, וואס גייען אונז אָן „אויטאָריטעטן״ ?! וואס זענען דען „אויטאָריטעטן״, פונקט ווי מיר וואָלטן קיין מוט נישט פארמאָגט, ווי אונז וואלט אינגאנצן געפעלט די פעאיקייט צו דענקען ? א שאָד, וואָס אונזער „ציוניסט״ האָט פארגעסן, וואָס פלעכאנאוו האָט געשריבן וועגן דער זעלבסט־שטענדיקער לאָגיק. מיר דארפן נישט נאָכגיין נאָך „אויטאָ־ריטעטן״ !..

— א ייד ! א ייד ! — קען זיך דער באליידיקטער „ציוניסט״ אמאל נישט איינהאלטן, איינזעענדיק, אז זיינע פיינט, ווילן מיט אים נישט מאכן שלום, — איך פארשטיי נישט. דערלויבט מיר, מיינע הערן, אייך צו פרעגן... הערט מיך נישט אויס — גאָט איז מיט אייך ! אבער דערלויבט מיר צו פרעגן : וואס ווארפט מיר קליינשטיין אויף אלס א זינד ; א ייד ! א ייד ! דערלויבט מיר פרעגן : ע ר וואס איז ?

— כ א ־ כ א — לאכט אויס די נארמאַן דעם, וואס „דער־לויבט זיך צו פרעגן״ — קלוגע פראגע !..

— אָבער איך פארשטיי נישט — הויבט אָן דער באשול־דיקטער א צווייט מאָל...

— איך טייל נישט די מענטשן אויף פעלקער, נאָר אויף קלאסן, וועלכע זענען פארשיידן לויט זייער געזעלשאפטלעכן מצב — איז מודיע קליינשטיין...

— זיכער, זיכער ! לאָזט זיך הערן די נארמאַן און פאטשט

מיט די הענט — הורא! אָט דאס איז... אָט דאס איז... אן אידעע... בראוואָ!

— אָבער קליינשטיין איז א ייד — מיש איך זיך אויך אריין אין געשפרעך.

— מיט וואס? שפרינגט אויף קליינשטיין און פרעגט.

— מיט וואס? — רופט זיך באלד אָפּ די נארמאן ווי אן עכאָ — דאנקען גאָט, פייערמאן האט שוין אָנגעהויבן מיט זיינע פא-רא־דאָק־סן!

— ניין, פייערמאן, רעדט חיימאוויטש ערנסט — דו פארשטייסט דאָך אליין, אז מיר רעדן איצט נישט וועגן דער בורזשואזיע. די אסימילאציע, אויף וועלכער דו פאלסט אָן, די קנעכטשאפט...

— ס'איז מיר שוין נמאס דידאָזיקע פראגע! — איז מודיע די נארמאן פון איר זייט, אָבער די לערנער שרייט אָן אויף איר, און חיימאוויטש טוט ווייטער „דערקלערן זיין געדאנק":

— די אסימילאציע גופא איז גוט, נייטיק, נויטווענדיק. שלעכט איז נאָר, וואס עס טוט די בורזשואזיע, וואס מאלפעוועט נאך די באאמטע, וועלכע זענען דעגענערירט, ווי אלץ, וואס האָט א שייכות מיט דער בורזשואזיע!

דער געשפרעך ציט זיך: ווייטער. קליינשטיין פראָקלאמירט, אז ער פילט נישט אין זיך קיין שום יידישע זאך. פונ'ם „חדר" האט ער גארנישט ארויסגעטראגן. די רוסישע ליטעראטור האט אים אנטוויקלט. יידן זענען ביי אים גלייך, ווי נישט יידן. איך באמערק דערביי, אז ווי ס'ווייזט אויס, איז דאס שטארקע גערעכטיקייט-געפיל, וואס לעבט אין קליינשטיינען, ממש א גערעכטיקייט-געפיל פון א יידן. דאן נעמט יודלין און לענקט אוועק דעם שמועס אין אן אנדער זייט. דאס איז טאקי אן אקסיאָמע, אז ס'איז גרינגער צו ארבעטן צווישן דעם פאלק, װאו דו האסט זיך אויסגעהאדעוועט, וועמען דו האסט צום ערשטן געזען, בעת דו האסט, אויפגעעפנט די אויגן דאס ערשטע מאָל. דאָס הייסט.. דו ווייסט, ווי צו רעדן מיט אים אויף זיין שפראך, זיך אויפצופירן לויט זיינע זיטן, זיך דערנענטערן צו

אים, דו ווייסט בײַ אים, וואו איין, וואו אויס, דאס הייסט... אָבער די געשיכטלעכע דערפארונג זאָגט אין אונזער פאל עפעס אנדערש, דאס הייסט... ה י י נ ע און ב ע ר נ ע זענען געבוירן געוואָרן צווישן יידן און האָבן געארבעט פאר די דייטשן, דאס הייסט... פאר דייטשלאנד, פאר דער וועלט.

— היינע, בערנע... און וואו איז קליינשטיין געבוירן געווארן ?

— אין רוסלאנד !

— און דו ביסט נישט קיין רוס !

— איך בין נישט קיין רוס ? פארוואס ? נו, לאָמיר אָננעמען, אז איך בין נישט קיין רוס... איז דעריבער... פארוואס בין איך נישט קיין רוס ?..

— ווייל דו ביסט נישט !

— איז דעריבער ?

— איז דעריבער — א ווידערשפרוך !

— א ווידערשפרוך ?.. אי, פייערמאן, א רחמנות אויף דיר !

— פארוואס, הער קליינשטיין ?

— יא, דו דערוועקסט רחמנות...

— פארוואס ?

— ביסט נישט פעאיק צו קיין שום זאך מיט דיינע ווידערשפרוכן, גריבלענישן און ספקות...

— צו וואס פאר א זאך ?

— ארבעט !

— און איך זאָג דיר... — („דאָ דארף מען זיך אויפשטעלן"-פליט דורך א געדאנק אין קאָפּ) — אז איך וועל קיינמאל נישט פארבייטן אפילו איינעם פון מיינע ספקות אויף דיין גאנצער ארבעט, וואס דו ארבעטסט און וועסט ארבעטן !

— כא־כא־כא ! — ברעכט אויס די נארמאז מיט א לאַך-מוזיק — אָט דאָס הייסט באשיידנקייט !..